**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/11/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט באשטעטיגונג פון 3-יאריגע לעיבאר אפמאך מיט סעקיורעטי אויפזעהער אפטיילונג פון קאונסיל 82**

***אפמאך מיט סעקיורעטי אויפזעהער יוניאן מיטגלידער דעקט אומגעפער 500 ניו יארק סטעיט ארבייטער***

***אפמאך רעכנט אריין יערליכע געהאלט העכערונגען, העכערונגען אין באצאלונג פאר ספעציפישע לאקאציעס, ביז 12 וואכן פון פולשטענדיג באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב און ענדערונגען אין געזונטהייט בענעפיטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עמטליכע באשטעטיגונג פון א דריי-יאריגע לעיבאר אפמאך מיט די סעקיורעטי אויפזעהער אפטיילונג (Security Supervisors Unit) פון די ניו יארק סטעיט געזעץ אינפארסירונג אפיצירן יוניאן (New York State Law Enforcement Officers Union) אין די AFSCME קאונסיל 82 וואס איז טייל פון די AFL-CIO און פארטרעט אומגעפער 500 סעקיורעטי אויפזעהער בעאמטע אין שטעלעס ווי טורמעס ליוטענאנטס, טשיעף סעקיורעטי אפיצירן, טשיעף זיכערהייט און סעקיורעטי אפיצירן און סעקיורעטי אויפזעהער אין באהאנדלונג פלעצער אין שפיטאל. די אפמאך וואס לויפט ביז מערץ 31, 2026, האט באקומען די שטיצע פון 89 פראצענט פון קאונסיל 82 מיטגלידער וועלכע האבן געגעבן זייערע שטימעס.

"דורך די לעיבאר אפמאך, טוהען מיר העלפן זיכער מאכן אז אונזערע קוראזשפולע סעקיורעטי איינגעשטעלטע ווערן יושר'דיג באצאלט פאר זייערע אומגעהויערליכע ביישטייערונגען צו ניו יארק סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך באדאנק קאונסיל 82'ס פירערשאפט פאר זייער שותפות דורכאויס די פארהאנדלונגען, און אירע מיטגלידער פאר זייער פראפעסיאנאלקייט און איבערגעגעבנקייט צו האלטן אלע ניו יארקער זיכער."

**קאונסיל 82 פרעזידענט, ראנעלד דזש. וואלש דזשוניאר, האט געזאגט,** "דאס איז א גוטע און פאראנטווארטליכע קאנטראקט. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און איר מאנשאפט ביי די אפיס פון ארבייטער באציאונגען (Office of Employee Relations) פאר זייער אנגייענדע שטיצע, איבערגעגעבנקייט און רעספעקט פאר די מענער און פרויען פון די אפטיילונג וואס האט דורכגעפירט די פארהאנדלונגען און זייער שווערע און געפארפולע דזשאבס. מיר זענען אויך דאנקבאר פאר AFSCME פרעזידענט לי סאונדערס, זיין מאנשאפט און די קאונסיל 82 פארשטייער וועלכע האבן קיינמאל נישט אויפגעגעבן אין זייער קאמף פאר בעסערע געהאלטן און בענעפיטן, גוטע העלט קעיר און זיכערע ארבעטספלעצער."

די באשטעטיגטע קאנטראקט רעכנט אריין העכערונג אין יעדע יאר פון די אפמאך אין קלאנג מיט אנדערע פריער אויסגעארבעטע אפמאכן. אין צוגאב רעכנט די קאנטראקט אריין אנדערע העכערונגען אין

באצאלונג, ווי צום ביישפיל אן איינמאליגע באנוס און ביז אזויפיל ווי 12 וואכן פון פולשטענדיג-באצאלטע פרישע-עלטערן אורלויב. די קאנטראקט רעכנט אויך אריין טוישונגען אין די געזונטהייט פארזיכערונג פראגראם וואס וועט מוטיגן צו נוצן אין-נעטווארק ארבעטער און העלפן קאנטראלירן געזונטהייט פארזיכערונג קאסטן.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336



זיך ארויסשרייבן